**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/10/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול גיבט ארויס פראקלאמאציע צו אנערקענען פערטא-ריקאנע העריטעדזש מאנאט אין ניו יארק סטעיט

***לייענט די פראקלאמאציע [דא](#).***

גאווערנער האוקול האט ארויסגעגעבן א [פראקלאמאציע](#) צו אנערקענען פערטא-ריקאנע העריטעדזש מאנאט אין ניו יארק סטעיט. דער חודש-לאנג אפהיט-צייט וועט אנערקענען די לאנגיעריגע, שטארקע צוזאמארבעט צווישן ניו יארק סטעיט און פערטא ריקא און ארויסהייבן די וויכטיגע ביישטייערונגען פון מענטשן פון פערטא-ריקאנע אפשטאם אינעם סטעיט. די פראקלאמאציע אנערקענט אויך די אימפאקט פון האריקעין ׳פיאנע׳, וואס האט זיך אנגעשטויסן אין דעם אינזל דעם פארלאפענעם סעפטעמבער, און אנגייענדע שטיצע, סופלייס און אנדערע פארלייכטערונג באמיאונגען צו די איינוואוינער פון פערטא ריקא און איר רעגירונג.

״מיט איינע פון די גרעסטע פערטא-ריקאנע באפעלקערונגען אינעם לאנד, האט ניו יארק א רייכע היסטאריע און א לאנג-יעריגע פארבינדונג מיט׳ן פאלק אין פערטא ריקא,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״מיט׳ן באשטימען נאוועמבער אלס ׳פערטא-ריקאנע העריטעדזש מאנאט׳, פארעהרן און פרייען מיר זיך איבער די לאנגיעריגע ביישטייערונגען פון פערטא-ריקאנע קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט אין אלע געביטן — ביזנעס, קונסט און קולטור, וויסנשאפט און טעכנאלאגיע, ספארט, פובליק אמט און נאך.״

דער יערליכער אפהיטונג פון פערטא-ריקאנע העריטעדזש מאנאט וועט ארויסהייבן די טראדיציעס און פירונגען פון דער פערטא-ריקאנער קאמיוניטי, ווי אויך אירע אויפטואונגען דא אין ניו יארק, איבער גאנץ אמעריקע און אין פערטא ריקא. דער חודש-לאנגער פייערונג וועט שיינען א ליכט אויף די ביישטייערונגען פון פערטא-ריקאנער קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק אויף סאציעלע, קולטורעלע און עקאנאמישע אנטוויקלונג פון דעם סטעיט און לאנד און וויאזוי זיי האבן אוועקגעשטעלט שטארקע יסודות פון לעבן אין די געגנטער פון ניו יארק סיטי און לענגאויס דעם סטעיט.

די פראקלאמאציע האט אויך אנערקענט די חורבנות-ברענגנדע ווירקונגען פון האריקעין ׳פיאנע׳ אויפ׳ן אינזל און די שטאנדהאפטיגקייט וואס פערטא-ריקאנער האבן געוויזן אויף אירע שפורן. זינט האריקעין ׳מאריע׳ האט ניו יארק ארויסגעהאלפן פערטא ריקא זיך איינשאפן ביליאנען דאלארען אין פעדעראלע פינאנצירונג פון FEMA אויף זיך צו ערהוילן און איבערבויען דעם אינזל׳ס ענערגיע אינפראסטרוקטור, אין צוגאב צו NYPA אויספירן טעכנישע אפשאצונגען פון עלעקטרישע קראפט פאבריקן און סובסטאנציעס אויפ׳ן אינזל. אויף די שפורן פון האריקעין ׳פיאנע׳, דער ערגסטער שטורעם שטורעם זיך אנצושטויסן אין דעם אינזל זינט האריקעין ׳מאריע׳, האט גאווערנער האוקול אויסגעמאלדן [ניו יארק סטעיט שריטן](#) אויף ארויסצוהעלפן פערטא ריקא אין פארלייכטערונג באמיאונגען. די באמיאונגען האבן ווייטער שטערקער געמאכט ניו יארק׳ס לאנגיעריגע אנטשלאסנקייט צו העלפן פערטא ריקא אין איר איבערבוי און ערהוילונג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418